NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12976

# HINTELE SHVARTS UN

Judah Loeb Cahan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

י. ל. קאָהן

# הינטעלע שוואַרץ
# און
# קעצעלע ווײַס



נומער 13
3טער יאָרגאַנג

„קינדערפֿריינד".
חאַרשװ 1937

ב

ערשט ביכל

י. ל. קאָהן

# הינטעלע שוואַרץ
און
# קעצעלע ווײַס

(מײַסעלע)

אילוסטרירט: ש. ניסנבוים

„קינדערפֿרײַנד", וואַרשע 1937

Printed in Poland

I. L. K O H N

Hintełe szwarc un Kecałe wajs

„Kinder-Frajnd“, Warszawa 1937

זעצעריי ה. בלאנק, פראנציסקאנסקע 28 ה. 25

Druk. „R e n o m a“, Warszawa

## 1

אונטער איין דאַך,
ביי איין באַלעבאָס,
וואָס ברויגעז, פאַרדראָס
איז טאָמיד געהאָנגען
ביי אים אויף דער נאָז
(ווייל ר'איז געווען שלעכט
און דערפאַר–שטענדיק ביז),
האָבן געלעבט
אונטער איין דאַך
ביי איין באַלעבאָס
הינטעלע שוואַרץ
און קעצעלע ווייס.

פלעגט הינטעלע שוואַרץ
גאַנצע נעכט
היטן ס'פאַרמעג
זיין בייזן האַרס,
וואָס הונדערטער קנעכט
האָבן אין טעג
געשאַפן אין פיין
און אין שווייס.
און קעצעלע ווייס
פלעגט היטן די מייז,
זיי זאָלן כאָלילע
נישט אָפּטון קיין בייז
דעם האַרס גרויס פאַרמעג,
וואָס הונדערטער קנעכט
האָבן אין טעג
געשאַפן אין פיין
און אין שווייס.

נאָר דער באַלעבאָס
וואָס איז שטענדיק בייז,
אַז ס'פּלעגט ווען עס איז
טון עפּעס וואָס
אים אַ פּלי פאַר דער נאָז—
אַ לעדערנעם פּאַס,
אַ שטעקן,
צי גאָר אַ געפלאָכטענע רוט
און אויסלאָזן בייז
זײַן גאַנצן קאַס



פלעגט אויפזידן הייס
דעם האַרס איידל בלוט
און ער פלעגט זיך אָנצינדן,
ווי פײַער, פאַר קאַס
און פלעגט כאַפּן אַ רימען,
צו הינטעלע שוואַרץ
און קעצעלע ווײַס,
און קאַטעווען,
שמײַסן
און פּיצקען ביז בלוט,



אַז ס'איז אַזש דעם האַר
באַפאַלן אַ שווייס
און הינטעלע שוואַרץ
פלעגט וואָיען: „האַו–האַו!"
און קעצעלע ווײַס-
פלעגט וויינען: „מיאַו–מיאַו!"

אַז דער באַלעבאָס,
פון קײַלן שוין מיד,
פלעגט פון דער האַנט
אַרויסלאָזן די רוט
און אַ פאַרמאַטערטער
פאַלן אַוועק,
סאַפּענדיק שווער,
אויפן ווייכן קאָזעט;
און באַהאַלטן פאַר שרעק,
פלעגט הינטעלע שוואַרץ
און קעצעלע ווײַס
ליגן פאַרשטעקט
טיף הינטערן בעט –
פלעגט דאַן הינטעלע שוואַרץ
זײַן ביטער האַרץ
אויסלאָזן צו קעצעלע ווײַס.

און באַלד איז געוואָרן
אַ ווילדער געיעג
פון הינטעלע שוואַרץ
מיט קעצעלע ווײַס:
פון בעט פליט ווי אַ פײַל
קעצעלע ווײַס,
ווי פון אַ הייל
אַפּער מיט איין שפּרײַז;
און הינטעלע שוואַרץ,
אויפן קעפּל אַ בײַל,
פליט אויף קעצעלע ווײַס
אין דער זעלבער ווײַל.

און ס'גייט אַ געיעג
איבער טיש,
איבער בענק,
הינטער בעט
און קאָזשעט,
צווישן אַרון
און שענק.
און הינטעלע שוואַרץ
מיט געוואַי
און מיט קאַס
וואַרפט זיך אָט אָט
אויף קעצעלע ווײַס.



נאָר קעצעלע ווײַס
פֿלינק, מיט איין דריי,
דרייט פֿון הינטעלע שוואַרץ
גלײַך זיך אַרויס,

און מיט איין שפּרײַז
איז שוין קעצעלע ווײַס
ערגעץ פֿאַרשטעקט
אין אַ נאָרע פֿון מײַז.

## 2

נאָר איינמאָל ז'געשען,
אַז דער באַלעבאָס,
וואָס אויף זײַן נאָז
הענגט טאָמיד פֿאַרדראָס,
איז, ווי טאָמיד, געווען
צאָרנדיק־בייז;
און קעצעלע ווײַס
האָט, ווי טאָמיד, די מײַז
געהיטן, זיי זאָלן
נישט אָפּטון קיין בייז
דעם האַרס גרויס פֿאַרמעג,
וואָס הונדערטער קנעכט
האָבן אין טעג
געשאַפֿן אין פּײַן
און אין שווייס;

און הינטעלע שוואַרץ
האָט וואָרטשענדיק בייז
טײַנעס געהאַט
צו קעצעלע ווײַס
און געווען אין כּעס,
פֿאַרוואָס עפּעס, וואָס,
אויף זײַן קליינעם גוף
שמײַסט אַזוי פֿעסט,
אַזוי פֿײַערדיק הייס
און מאַכט אַזאַ טעל
פֿון זײַן שיינער פֿעל,
דער לעדערנער פּאַס
פֿון זײַן באַלעבאָס,
וואָס אויף זײַן נאָז
הענגט טאָמיד פֿאַרדראָס —



האָט זיך דעמאָלט געמאַכט,
(נישט פאַר קיינעם געדאַכט)
אַז דעם באַלעבאָס,
וואָס אויף זײַן נאָז
הענגט טאָמיד פאַרדראָס,
האָט עפּעס אַ פליג
געטון שטאַרק אַ ביס
דעם באַלעבאָס
אין סאַמע שפּיץ נאָז.

איז דער באַלעבאָס
געוואָרן אין כּאַס,
אַ כאַפּ געטון גלײַך
דעם לעדערנעם פּאַס
און אויסגעלאָזט בײַז
זײַן גאַנצן כּאַס
צו הינטעלע שוואַרץ
און קעצעלע ווײַס.
און ס'זענען די אויגן
פאַרלאָפן מיט רויט,
פון מויל רינט אַ שוים
און ער קריצט מיט די ציין,
און מיט ווילדן קויעך
ער שמײַסט און ער שמײַסט
און קאַטעוועט,
וויפל עס גייט נאָר אַרײַן.

און הינטעלע שוואַרץ
און קעצעלע ווײַס
יאָמערן, אַז
עס קאָן רירן אַ שטיין.
ס'פאַרקלעמט אַזש בײַם
האַרץ,
ווען הינטעלע שוואַרץ
יאָמערט מיט גרויל:
„האַו—האַו, האַו—האַו!"
און קעצעלע ווײַס
מיט אַ פאַרשטיקט קאָל
מיאַוקעט אָן קויעך:
„מיאַו—מיאַו, מיאַו—מיאַו!"

און דער באַלעבאָס,
שווער — פון איין גאָס,
רונד ווי אַ פאָס,
פון שווייס — דורכויס נאַס,
פון קאַטעווען — מיד,
כאָשט ס'האָט קאַס נאָך
גערזידט —
איז אוועקגעפאַלן שווער,
אַזוי ווי אַ בער,
אויפן ווייכן קאָזעט
און אָן אָטעם גערעדט,
געזידלט די וועלט:
„פאַרוואָס עפּעס, וואָס,
האָט אויף זײַן נאָז
אַ פליג זיך געשטעלט
און אין איר שפּיץ
געטון אַזאַ ביס?
צי האָט דען דער פליג
אויף גאָרער וועלט
צו טון אַזאַ ביס
אַן אָרט שוין פאַרפעלט?
און דער באַלעבאָס
געלעגן איז איצט,
די ברויגעזע נאָז
צום באַלקן פאַרשפּיצט,
געאָטעמט שווער,
אַזוי ווי אַ בער,
געפרײַכט און געשוויצט
און געטראַכט, ווי צו ווערן
פון פליגן געשיצט...

און הינטעלע שוואַרץ,

און קעצעלע ווײַס,
די אייגעלעך פול
מיט טרערן — נאָך הייס,
די רוקנס צעקײַלט,
די קעפּלעך צעבײַלט,
צווישן איוון פאַרשטעקט
ווי צעשראָקענע מײַז,
און באַהאַלטן פאַר שרעק—
האָט איצט הינטעלע שוואַרץ
זײַן ביטער האַרץ
אויסגעלאָזן
צו קעצעלע ווײַס.

און באַלד איז געוואָרן
אַ ווילדער געיעג
פון הינטעלע שוואַרץ
מיט קעצעלע ווײַס.
און קעצעלע ציט,
און הינטל — נאָך אים,
פאַרטשעפּען אין וועג
און שלײַדערן אום
בלומענטעפּ, שיך;
און קעצעלע גיך

פליט פון טיש איצט אַראָפּ,
און הינטעלע שוואַרץ
גלײַך אויף זײַן קאָפּ;
ציט קעצל זיך אײַן
און דרייט זיך אַרויס
און שטעלט הינטעלע
שוואַרץ
אַ צינגל אַרויס...
און קעצעלע ווײַס
ציט זיך אײַן,
ציט זיך אויס,
ווערט לאַנג
ווי אַ שלאַנג
און וואָ פאָדעם — דין,
און ווו אַן ענג לאָך,
ווו נאָר אַ שפּאַרונג
שלײַכט קעצל גאָר לײַכט
זיך אַרײַן דאָרט אַהין.
און הינטעלע שוואַרץ
מיט אַ ביטער האַרץ
בלײַבט שטיין און גייט שיר
נישט אַראָפּ פון זין,

און טשאַטעוועט לאַנג,
ביז קעצעלע ווײַס
קריכט פון שפּאַרון
ענדלעך אַרויס.

דאַן הייבט זיך אָן
אַ נײַער געיעג.
און קעצעלע ווײַס
שנײַדט פלינק זיך אַ וועג,
אַז עס שווינדלט דיר אַזש
פאַר די אויגן.
אַזוי האָט עס לאַנג
זיך געצויגן, געצויגן,
ביז ס'איז דעם קעצל
דערעסן געוואָרן
און מיט איין שפּרונג
איז קעצעלע פלינק
גלײַך אין קוימען געפלויגן...

איז הינטל געבליבן
אָפּגעגנאַרט שטיין,
געשטשירעט, געקריצט
פון כּאַס מיט די ציין,
געדרייט מיטן עק,
געזוכט זיך אַ וועג
דורכוואַנען צו קומען
אין קוימען אַרײַן,
געזוכט און געזוכט
בײַ דער טיר,
בײַ דער שוועל,
און מיט זײַן שוואַרצער
גלאַנציקער פעל
אַרײַנגעפאַלן גאָר
אין אַ זאַק פול מיט מעל..

## 3

אַז קעצעלע ווײַס
איז געוואָרן פאַרמיִעסט
צו זיצן אין קוימען
און פון קוימען אַרויס —
איז קעצעלע ווײַס
אין זײַן גאַנצער גרויס



פֿון קאָפּעטש און רויך
געוועזן פֿאַרריסט,
פֿון סאַדזע — פֿאַרשמירט
אינגאַנצן אויף שוואַרץ.
און קעצעלע ווײַס
געוועזן איז איצט
פֿון קאָפּ בּיז פּיס,
פֿון עק בּיזן מויל
אינגאַנצן שוואַרץ ווי קויל.

און הינטעלע שוואַרץ
פֿון גרויסן זאַק מעל
איז קוים מיטן לעבּן אַרויס,
און זײַן שוואַרצע פֿעל
געוועזן איז איצט
פֿון קאָפּ בּיז די פּיס,
פֿון עק בּיזן מויל
אינגאַנצן ווײַס פֿון מעל.

און קעצעלע ווײַס
(וואָס איז איצטער שוואַרץ)
נאָך אַלץ אין איין שרעק,
מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ
שנײַדט זיך דורך לעכער
און שפּאַרעס אַ וועג,
אַנטלויפֿט פֿונעם הויז

אין דרויסן אַרויס,
ציט אינגאַנצן זיך אויס,
פאַררײַסט הויך דעם עק
און ציט ווי אַ האָז
איבער זאַמד,
איבער גראָז,
אַנטלויפט אין איין שרעק,
וווּ די וועלט האָט אַן עק
און לויפט אַזוי, לויפט,
ביז ס'קומט צו צו אַ ברעג.

דער ברעג איז געווען
פעלזיק און הויך,
און גלײַך, אַזוי גלײַך,
אַזוי ווי אַ וואַנט.
און קעצעלע ווײַס
(וואָס איז איצטער שוואַרץ)
איז בײַם סאַמע ראַנד
געבליבן שטיין.
און אונטן פליסט פרײַ,
שפילעוודיק, לײַכט,
דורכזיכטיק קלאָר
אַ זילבערנער טײַך.
זעט קעצעלע ווײַס
(וואָס איז איצטער שוואַרץ)
אין שפיגל פון טײַך --



א שוואַרצע פיגור
מיט פיר פיס,
מיט אַן עק —
זעט זיך גאָר אַליין.
מיינט קעצעלע גאָר,
אַז ס׳איז הינטעלע שוואַרץ,
און קעצעלע ווײַס
(וואָס איז איצטער שוואַרץ)
נאָך אַלץ אין איין שרעק,
שפּרינגט אויף און מאַכט פיס
איבער זאַמד,
איבער שטיין
און לויפט און אַנטלויפט
פון זיך גאָר אַליין...

**4**

אַז הינטעלע שוואַרץ
איז פון זאַק מעל
קוים מיטן לעבן אַרויס
און זײַן שוואַרצע פעל
געוועזן איז איצט
פון מעל אינגאַנצן ווײַס —
איז הינטעלע שוואַרץ
(וואָס איז איצטער ווײַס)
נאָך מער געוועזן בייז
אויף קעצעלע ווײַס,
געוואָלט זיך אין אים
גאָר שטאַרק נוקעם זײַן,
און איבערן הויז
מיט ווילדן קאַס,
מיט פאַרקריצטע ציין,
געזוכט און געזוכט
קעצעלע ווײַס
(און גאָרנישט געוווּסט,
אַז ס׳איז איצטער שוואַרץ)
געזוכט אין די ווינקלעך,
אין יעדער שפּאַרון,
געלאָפן אַהער,
געלאָפן אַהין,
אַלצדינג מיט דער נאָז
אַרומגעשנאַפּט,
מיט די לאַפּקעס באַטאַפּט



און מיטאַמאָל,
געפירט פונעם רייעך,
איז הינטעלע שנעל
צו צו דער ט'ר,
אַריבער די שוועל,
אַרויס
פונעם הויז
אין דרויסן אַרויס
און זיך געלאָזט גלײַך
לויפן צום טײַך.

אַז הינטעלע שוואַרץ
(וואָס איז איצטער ווײַס)
איז אָטעמענדיק הייס
פון זײַן לאַנגן וועג
צוגעקומען צום ברעג,
וואָס איז פעלזיק און הויך
און שטייט ווי אַ וואַנט —
דערזען האָט ער גלײַך
אין שפּיגל פון טײַך
זײַן ווײַסע געשטאַלט,
געווען זיכער, אַז דאָס
איז גאָר קעצעלע ווײַס
און אויפן אָרט — באַלד,
נישט טראַכטנדיק — גלײַך,
וואָרטשענדיק בייז,

אַרונטערגעלאָזט זיך
צום שפּיגל פון טײַך.
און דער ברעג — איז הויך
און שטייט ווי אַ וואַנט.
און הינטעלע קלעטערט
און גליטשט זיך אַראָפּ,
און מיט לעצטן קויעך,
נישט צו פאַלן אַראָפּ,
קלאַמערט זיך הינטל
אין פעלדזיקן ברעג,
זיך שאַרט אויפן בויך
און דער שאַרפער שטיין
שנײַדט אין זײַן לײַב
טיף זיך אַרײַן,
אַזש אַ געוויין
שטיקט אים אין האַלדז.
און הינטעלע האָט שוין
כּאַראָטע אויף אַלץ,
וויל זיך אומקערן צוריק
און קאָן נישט אַרויף;
און ס'בלוט טוט אַ שלאָג
אין די שלייפן אים הייס,
אַז עס פאַרדרייט זיך
אים אַזש אין קאָפּ.
און הינטעלע שוואַרץ
(וואָס איז איצטער ווײַס)
באַשלאָגן מיט שוויס —
קאָלערט זיך ראַש
פון ברעג טיף אַראָפּ,
בלײַבט ליגן פאַרכאַלעשט
בײַם סאַמע טײַך,
ווערט שטײַף, און ציט
די פיסלעך אויף גלײַך.

Oplata pocztowa uiszczona gotówką

פּרײַז 30 גר. דריטער יאָרגאַנג **№ 13.** 20 KWIETNIA 1937

# „Kinder-Frajnd“

DWUTYGODNIK **Wydanie B**

Adres redakcji i administracji: Warszawa I, Miła 33 m. 24.

די נאָענטסטע אויסגאַבעס דערשײַנען
דעם 5טן מאַי ה. י.